**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/31/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט אז פאזע איינס פון דעם 1.7 ביליאן דאלערדיגן ׳האָנטס פוינט צוטריט פארבעסערונג פראיעקט׳ איז שוין פארטיג, באצייטנס און אונטער׳ן בודזשעט**

***פארענדיגונג פון נייע צוויי-וועגיגע ראמפע צו עדזשוואטער ראוד פון שערידען בולעווארד וועט אראפנעמען טויזנטער טראָקס פון ארטיגע גאסן טעגליך, פארבעסערן לופט קוואליטעט און רעדוצירן שטערנדע קלאנגען***

***נייע קאמיוניטי גרין-נאטור ערטער און נייע מיטגעטיילטע-באניץ וועגלעך פאר פארבעסערטע פיסגייער און ביציקליסטן צוטריט צום בראנקס ריווער און פארווייילונגס געלעגנהייטן***

***נייע ראמפע פון איסטבאָונד ברוקנער עקספרעסוועי צו עדזשוואטער ראוד; נייע ראמפע אויף לעגעט עוועניו פון דעם האָנטס פוינט האלב-אינזל צו דער ברוקנער עקספרעסוועי***

***פראיעקט איז טייל פון פרעצעדענטלאזע סטעיט אינוועסטירונג צו פארבעסערן אינפראסטרוקטור און לעבנס-קוואליטעט פאר איינוואוינער אין סאוט בראנקס***

גאווערנער האוקול האט היינט אנאנסירט אז פאזע איינס פון דעם 1.7 ביליאן דאלערדיגן ׳האָנטס פוינט צוטריט פארבעסערונג פראיעקט׳ איז שוין פארטיג, באצייטנס און אונטער׳ן בודזשעט. דער גרויסער גרייכפונקט צייכנט אפ דאס פולקאם פארענדיגן נייע און פארבעסערטע צוטריט צו עדזשוואטער ראוד פאר מאטאריסטן, נעמענדיג טויזנטער טראָקס אראפ פון ארטיגע גאסן יעדן טאג און פארבעסערנדיג צוטריט צום האָנטס פוינט טערמינאל מארקעט. פאזע איינס פון דעם פראיעקט שטעלט צו נייע טראפיק סיגנאלן פאר שטערקערע זיכערהייט, קאמיוניטי ערטער פאר פארווייילט און מער זיכערע צוטריט פאר פיסגייער און ביציקליסטן. דער 460 מיליאן דאלערדיגער פאזע איינס קאנטראקט איז טייל פון א פרעצעדענטלאזע סטעיט אינוועסטירונג צו שטערקער מאכן אינפראסטרוקטור און באהאפטנקייט אין דעם סאוט בראנקס און גלייכצייטיג אויך פארבעסערן די לעבנס-קוואליטעט פאר איינוואוינער.

״מיין אדמיניסטראציע איז לעיסער-פאקוסירט אויף שאפן ערשטראנקיגע, 21׳סטע יארהונדערטיגע אינפראסטרוקטור פאר ניו יארק — ליפערנדיג טראנספארמאטיווע פראיעקטן באצייטנס און אונטער׳ן בודזשעט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דורך אראפנעמען טויזנטער טראָקס פון ארטיגע גאסן יעדן טאג און געבן דרייווערס בעסערע צוטריט צו דעם האָנטס פוינט טערמינאל מארקעט, פארבעסערן מיר דאס לעבן אין סאוט בראנקס פאר ביזנעס אייגנטימער און איינוואוינער צוגלייך. דער פראיעקט וועט מאכן אונזערע גאסן מער זיכער, באהאפטן מענטשן צו זייערע פריינט און פאמיליע, און שאפן מער גרין-נאטור ערטער פאר דער קאמיוניטי.״

מיט פאזע איינס פארענדיגט, האבן מאטאריסטן — אריינגערעכנט טויזנטער טראָקס וואס גייען צו און פון האָנטס פוינט טערמינאל מארקעט יעדן טאג — נייע און פארבעסערטע צוטריט צו עדזשוואטער ראוד אין

פארעם פון דריי נייע ראמפעס. דאס נעמט אריין א צוויי-וועגיגע ראמפע צו עדזשוואטער ראוד פון שערידען בולעווארד און א ראמפע פון איסטבאונד ברוקנער עקספרעסוועי צו עדזשוואטער ראוד. דער פראיעקט האט אויך ארייננגערעכנט איבערפלאסטערן עדזשוואטער ראוד, אינסטאלירן נייע טראפיק סיגנאלן ביי סענעקע עוועניו און גאריסאן עוועניו און א נייע געמישטע באניץ פון ברוקנער בולעוואַרד ביז לאפאיעט עוועניו.

דער האָנטס פוינט טערמינאל מארקעט און אנדערע פראדוקטן פירמעס נעבן דער איינריכטונג זענען א העכסט-נייטיגע עקאנאמישע מאטאר פאר׳ן בראנקס, אויפטרייבנדיג איבער 2 ביליאן דאלער אין יערליכע עקאנאמישע אקטיוויטעטן. דער האָנטס פוינט עסנווארג דיסטריביושען צענטער פארזארגט ביז 60 פראצענט פון די פראדוקטן, פלייש און פיש געניצט דורך ניו יארק סיטי איינוואוינער און באזוכער און באשעפטיגט איבער 6,000 ארבעטער. עס ציעט צו זיך צענדליגע טויזנטער אויטאס א טאג, וועלכע האבן בעפאר׳ן פארטיגן פאזע איינס פונעם פראיעקט געניצט ארטיגע גאסן — איבערהויפט וועסטשעסטער עוועניו און ברוקנער בולעוואַרד — צו גיין צו און פון דער אינטערסטעיט הייוועי.

גאריסאן פארק איז אויך טראנספארמירט געווארן מיט א נייע מיטגעטיילטע-באניץ וועגל, לענדסקעיפ פלאנצונגען, ארויסבליק פלאטפארמעס איבער׳ן טייך, און א פארמאלע ארייננגאנגס פונקט מיט א סיגנאליזירטער רעילראוד אריבערגאנג און טראפיק סיגנאל, וואס געבט איינוואוינער מער זיכערע און גלאטיגערע צוטריט צום בראנקס טייך. אין צוגאב, איז א נייע מיטגעטיילטע-באניץ וועגל געבויט געווארן אונטער׳ן ברוקנער עקספרעסוועי צו באהעפטן דעם נייעם גאריסאן פארק מיט׳ן עקזיסטירנדן ׳קאנקריט פלענט פארק׳, מיט פינף נייע סעקיוריטי קאַמערעס אינסטאלירט לענגאויס דעם נייעם וועגל צו פארבעסערן זיכערהייט פאר פיסגייער און ביציקליסטן און גלייכצייטיג זיך באהעפטן צום בראנקס ריווער גרינוועי.

וואס מער, דער פראיעקט האט רעהאביליטירט דעם בראנקס ריווער עוועניו וויאדוקט און געשאפן 15,000 סקווער פיס פון קאמיוניטי ״בראנקס ריווער אפענע-לופט ערטער״ אונטער דעם וויאדוקט. דער פראיעקט האט אויך ערזעצט דעם מזרח שפאן פון דעם בריינעט עוועניו פיסגייער בריק אריבער ׳עמטרעק׳ / CSX רעלסן ליניעס.

אין צוגאב טוט פאזע איינס ערזעצן פיר בריקן וועלכע טראגן ברוקנער עקספרעסוועי און ברוקנער בולעוואַרד איבער ׳עמטרעק׳ / CSX רעלסן ליניעס און געמאכט פארבעסערונגען צום דורכשנייד-פונקט פון ברוקנער בולעוואַרד און האָנטס פוינט עוועניו און עדזשוואטער ראוד און לאפאיעט עוועניו.

א נייער עקזיט 48 ראמפע צו לעגעט עוועניו געעפנט אין אנהייב סעפטעמבער אלס טייל פון דעם אנגייענדן פאזע צוויי קאנטראקט, צושטעלנדיג מער דירעקטע צוטריט צו האָנטס פוינט טערמינאל מארקעט און דעם צו-מערב ברוקנער בולעוואַרד און אראפנעמענדיג טראָק טראפיק פון ארטיגע גאסן. א צווייטע ראמפע, טייל פון פאזע צוויי פון דעם פראיעקט, באהעפטנדיג האָנטס פוינט האלב-אינזל צו דער ברוקנער עקספרעסוועי, וועט זיך אויך היינט אויפעפענען.

אויפגעזען דורכ׳ן ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע, וועט דער 1.7 ביליאן דאלערדיגער האָנטס פוינט פראיעקט געפארטיגט ווערן אין דריי פאזעס און, ווען גענצליך פארענדיגט, וועט צושטעלן דירעקטע צוטריט צום האָנטס פוינט טערמינאל מארקעט פון סיי דער ברוקנער עקספרעסוועי און סיי דעם נייעם שערידען בולעווארד. דער מארקעט איז איינע פון די גרעסטע האָוּלסעיל עסנווארג דיסטריביושען צענטערס אין דער וועלט. איבער 78,000 וויהיקלס פארן צום האָנטס פוינט האלב-אינזל טעגליך, ארייננגערעכנט 13,000 טראָקס ניצנדיג ארטיגע ראודס, וואס האט ביישטייערט צו שוואכע לופט קוואליטעט אין דער קאמיוניטי.

דאס איבערמאכן די הייוועי וועט שטערקער מאכן זיכערהייט, אראפנעמען טראפיק פון ארטיגע גאסן, און באדייטנד רעדוצירן סיי קולות און סיי טראָקס, דורכדעם לינדערן לופט פארפעסטונג אין א בארא מיט עטליכע פון די העכסטע אסטמא ראטעס אין דעם לאנד. דער טראנספארמאטיווער פראיעקט איז ערווארטעט צו שאפן 22,000 דירעקטע און אומדירעקטע דזשאָבס.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטעישן קאמישענער מארי טערעסע דאמינגעז האט געזאגט,** ״גאווערנער האוקול׳ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ניו יארק׳ס אינפראסטרוקטור זענען געווען ווירקליך טראנספארמאטיוו, שאפנדיג נייע געלעגנהייטן פאר מערערע טראנספארטאציע מיטלען, צוריק באהעפטן קאמיוניטיס און שאפן דרכים פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג. דער ׳האָנטס פוינט צוטריט פארבעסערונג פראיעקט׳ איז א מוסטער פון די דאזיגע פרינציפן דורך שאפן נייע צוטריט צום בראנקס ריווער און נייע פארקס און וועגלעך אויף צו גענימן דערפון, צוריק באהעפטן געגנטער צו די וואסער און גרין-נאטור ערטער און דורך אראפנעמען צענדליגע טויזנטער טראָקס טעגליך פון ארטיגע גאסן און שאפן דירעקטע צוטריט צום האָנטס פוינט מארקעט. DOT ארבעט שווער יעדן טאג צו ליפערן דעם פראיעקט פאר די איינוואוינער פון סאוט בראנקס וואס ארבעטן אזוי שווער, און מיר קוקן ארויס צו פארענדיגן אלע פאזעס פון דעם פראיעקט אין די קומענדע יארן.״

די 518 מיליאן דאלערדיגע פאזע צוויי פון דעם פראיעקט, יעצט אונטערוועגנס, וועט רעהאביליטירן 1.25 מייל פון דער ברוקנער עקספרעסוועי צווישן 141׳סטע סטריט און בארעטא סטריט, פארברייטערנדיג דער שאסיי און בויען נייע ארויפגאנג און אראפגאנג ראמפעס וואס באהאפטן מערב-ריכטונג ברוקנער עקספרעסוועי צו לעגעט עוועניו. די ראמפעס וועלן צושטעלן א דירעקטער רוּט צווישן דעם הייוועי נעטוואָרק און דעם האָנטס פוינט האלב-אינזל, ארייננגערעכנט האָנטס פוינט דיסטריביושען צענטער, רעדוצירנדיג טראָק טראפיק אויף ארטיגע גאסן.

אין צוגאב וועט א 1.75-מייליגע אפטיילונג פון ברוקנער בולעוואַרד צווישן סייפרעס עוועניו און בארעטא סטריט וועלן איבערגעבויט ווערן און 15 ארטיגע דורכשנייד-פונקטן גע׳אפגרעיד׳עט. פארבעסערונגען נעמען אריין נייע אדער גע׳אפגרעיד׳עטע קאנטשטיין, מעדיאנען, טראטוארעס, אריבערגאנגען, און טראפיק סיגנאל פארבעסערונגען. דער נייער, 1.5-מייליגער מיטגעטיילטע-באניץ וועגל, וועט צושטעלן א באהעפטונג צו דעם 138׳סטע סטריט ביציקל וועגל וואס פירט צו ראנדאל׳ס איילענד, מאנהעטען, און בראנקס ריווער גרינוועי. דריי ניו יארק סיטי פארק אינזלען וועלן אויך פארבעסערט ווערן, נייע ביימער וועלן געפלאנצן ווערן און א נייע באצירנדע שטאלענע צוים וועט צוגעשטעלט ווערן לענגאויס ברוקנער בולעוואַרד. פאזע צוויי איז גע׳סקעדזשיול׳ט פארטיג צו ווערן אין הערבסט 2023.

די דריטע און לעצטע פאזע, גע׳סקעדזשיול׳ט פארענדיגט צו ווערן אין הערבסט 2025, וועט עלימינירן די פארשמעלערונג ביי דער ברוקנער עקספרעסוועי און שערידען בולעוואַרד אינטערטשעינדזש דורך צולייגן א דריטן לעין אין ביידע ריכטונגען. דער פראיעקט וועט ערזעצן דעם מערב שפאן פון דעם ברייענט עוועניו פיסגייער בריק, פארענדיגנדיג דעם בריק ערזעצונג און פארבעסערנדיג ADA צוטריטליכקייט. נייע שילדן און פלאסטערונג צייכנס וועלן פירן אויטא, טראָק און פיסגייער טראפיק אינערהאלב דעם האָנטס פוינט האלב-אינזל.

אין צוגאב זענען פלענער פאר א נייע פארקינג לאט יעצט אונטער אנטוויקלונג וואס וועט צושטעלן 24 שנעלע טשאַרדזשינג סטאנציעס צו בעסער אקאמאדירן עלעקטרישע אויטאס אונטער דער ברוקנער עקספרעסוועי און העלפן ווייטער פארבעסערן לופט קוואליטעט אין דעם סאוט בראנקס.

**סטעיט סענאטאר לואיס אר. סעפולוועדא האט געזאגט,** ״אינוועסטירן אין קאמיוניטיס ווי די בראנקס איז איינע פון די בעסטע לייזונגס-מיטלען צו אומגלייכקייט. יעדע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג פארבעסערט די לעבנס-קוואליטעט פון אונזערע איינוואוינער און טוט ווידער-באשטעטיגן די סאציעלע

צוזאג וואס מיר האבן געמאכט צו די ווײלער אין אונזערע דיסטריקטן. איך שטײ אינאײנעם מיט גאווערנער קעטי האוקול און איר מאנשאפט אין אפלאדירן דאס עפענען די פארבעסערונג צו דעם האַנטס פוינט טערמינאל מארקעט. דער פראיעקט געבט צו מער זיכערע פלעצער פאר אונזערע פאלקסלײט, קאמיוניטי ערטער און זיכערע צוטריט פאר ביציקליסטן און פיסגײער. איך בין קאנפידענט אז די פארבעסערונגען וועלן תיכף גענאסן ווערן דורך אונזערע קאמיוניטיס.״

**סטעיט סענאטארקע אלעסאנדרא ביאדזשי האט געזאגט,** ״דאס פארענדיגן דעם פראיעקט איז א באדײטנדע גרײכפונקט פאר דער האַנטס פוינט קאמיוניטי — עס פארבעסערט זיכערהײט און צוטריטליכקײט פאר מאטאריסטן, ביציקליסטן און פיסגײער. דער האַנטס פוינט פארבעסערונג פראיעקט וועט צושטעלן העכסט-נײטיגע אינוועסטירונגען אין די אינפראסטרוקטור, זיכערהײט, און עקאנאמישע אנטוויקלונג פון די סאוט בראנקס. איך בין אויסערגעווענליך דאנקבאר צו גאווערנער האוקול פאר איר איבערגעגעבנקײט צום פארשטארקערן האַנטס פוינט, און איך קוק ארויס אויף צוזעזן דאס פארטיגן דעם פלאן.״

**אסעמבלי-מיטגליד קענני בורגאס האט געזאגט,** ״די געזונט און זיכערהײט פון מײן קאמיוניטי וועט אלעמאל זײן א הויכע פריאריטעט. דאס פארענדיגן די ערשטע פאזע פון דעם פראיעקט איז א גרויסע טריט וואס וועט אלץ מער פארבעסערן די לעבנס פון אײנוואוינער און די וועלכע רײזן אדורך די בראנקס. איך דאנק גאווערנער האוקול און אלע פארטײען מיט א האנט אין דעם פאר זײער אומערמידליכע ארבעט. איך קוק ארויס אויף צו זען די בענעפיטן וואס עס וועט האבן אויף דער סאוט בראנקס קאמיוניטי.״

**אסעמבלי-מיטגליד אמאנדא סעפטימא האט געזאגט,** ״דאס פארענדיגן פאזע אײנס פון דעם ׳האַנטס פוינט צוטריט פארבעסערונג פראיעקט׳ איז לאנג-ערווארטעטע גוטע נײעס פאר׳ן סאוט בראנקס. דאס איז א באגײסטערנדע אפדעיט וואס איז א ראיה אז ווען מיר פאראײניגן זיך און לאזן הערן אונזערע זארגן איבער זיכערהײט, פובליק געזונטהײט און יושר׳דיגע ענדערונגען, באקומען מיר רעזולטאטן. דאס איז אבער אויך א צײט אין וועלכע אונז, אלס ערוויילטע באאמטע, קענען זיך פאראײניגן אויסצופירן דעם פראיעקט ביז נאך איר ענדגילטיגע פאזע אין א צײט אפשניט און מיר א פראצעס וואס איז רעכט פאר דער ארטיגער קאמיוניטי, און די טויזנטער דרײווערס וועלכע מוזן דורכפארן די ברוקנער עקספרעסוועי׳ס טראפיק און פארפעסטונג אויף אנצוקומען צו די ארבעט, סקול אדער נײטיגע סערוויסעס. ווײניגער טראָקערס אויף ארטיגע גאסן, מער גרין-נאטור ערטער לענגאויס דעם וואסער-ברעג, און נײע צוטריט מהלכים צום האַנטס פוינט פרישע פראדוקטן מארקעט איז א גוטע התחלה פאר׳ן פארבעסערן די לעבנס-קוואליטעט אין די סאוט בראנקס, און מיר זענען באגײסטערט פאר׳ן סטעיט פארצוזעצן צו אינוועסטירן אין אונזער אינפראסטרוקטור, זיכערהײט און געזונטהײט.״

פאלגט נאך NYSDOT אויף טוויטער בײ [@NYSDOT](https://twitter.com/NYSDOT) און בײ [@NYSDOTLI](https://twitter.com/NYSDOTLI). געפונט אונז אויף פעיסבוק בײ [facebook.com/NYSDOT](https://facebook.com/NYSDOT).

###

נאך נײעס קען מען באקומען בײ www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418